# DOS FREYLEKHE SHNAYDERL-דאָס פֿריילעכע שנײַדערל

Paroles et musique: *Mark M.  Warshavsky, (1840-1907)*

Az di yontevdike teg,
Heybn on zikh tsu bavayzen,
Ver ikh bay zikh a godl .
Leyg ikh mir avek
Mayn sher un mayn ayzen ,
Un vu s'iz do a nodl.
Oyfgehert neyen,arbet zukhen
hartsediker tate !
A gleyzale vayn um  yontef tsu
farzukhn ,
Iz besser vi tsu leygn a latte. (bis)

אַז די יום-טובֿדיקע טעג,
הייבן אָן זיך צו באַווײַזן
ווער איך בײַ זיך אַ גדול.
לייג איך מיר אַוועק,
מײַן שער און מײַן אײַזן,
און וווּ ס'איז דאָ אַ נאָדל.
אויפֿגעהערט נייען, אַרבעט זוכן,
האַרצעדיקער טאַטע !
אַ גלעזעלע ווײַן אום יום-טובֿ צו
פֿאַרזוכן,
איז בעסער ווי צו לייגן אַ לאַטע.

Az der yontev kumt,
Vert mir a bisl
Freylekher oyf der neshome .
Un bifrat az got git,
S'iz do in der shisl,
Vert dokh dos leben a nekhome
Dos harts iz zikh poshet
Ake mekhaye,
Nito keyn grizote
Mayn khanele tut on malbushim naye,
Un Ikh : di naye kapote.

אַז דער יום-טובֿ קומט,
ווערט מיר אַ ביסל
פֿריילעכער אויף דער נשמה.
און בפֿרט אַז גאָט גיט,
ס'איז דאָ אין דער שיסל,
ווערט דאָך דאָס לעבן אַ נחמה.
דאָס האַרץ איז זיך פשוט
טאַקע מחיה.
ניטאָ קיין הריזאָטע,
מײַן חַנהלע טוט אָן מלבושים נײַע
און איך די נײַע קאַפּאָטע.

Di kinderlekh zat,
S'iz take a khidesh
Shpiln zikh in eykekh un meykekh
Nokh der shul
Makh ikh a gutn kidesh,
Un farbays mit korenem lekekh.
Tsu di fish hob ikh nicht keyn taanes,
Zey zenen gut  gefefert un gesaltzn.
Az me nemt zey in moyl
Leben zol khane !
Vern zey mamesh tseshmoltsn.

די קינדערלעך זאַט,
ס'איז טאַקע אַ חידוש,
שפּילן זיך אין אקח און מקח.
נאָך דער שול מאַך איך
אַ גוטן קידוש,
און פֿאַרבײַס מיט קאָרענעם לעקעך.
צו די פֿיש האָב איך נישט קיין טענות,
זיי זענען גוט געפֿעפֿערט און געזאַלצן.
אַז מע נעמט זיי אין מויל,
לעבן זאָל חנה !
ווערן זיי ממש צעשמאָלצן.

Dos gleyzele vayn iz loyter,
Vi der himl
Un varemt vi a pelts in vinter
Nokh dem bentshn khap ikh
A gutn driml,
Mayn khanele khorkhelt unter.
Dan khap ikh mikh oyf,
S'iz nicht keyn vunder,
Me tor nicht keyn tseyt farlirn,
Nem ikh mir mayn Khanele
Mit beyde kinder,
Un gey mir oyfn shliakh shpatsirn.

דאָס גלעזעלע ווײַן איז לויטער,
ווי דער הימל,
און וואַרעמט ווי אַ פּעלץ אין ווינטער.
נאָך דעם בענטשן כאַפּ איך
אַ גוטן דרימל,
מײַן חַנה'לע כאָרכלט אונטער.
דאַן כאַפּ איך מיך אויף,
ס'איז נישט קיין וווּנדער,
מע טאָר נישט קיין צײַט פֿאַרלירן.
נעם איך מיר מײַן חנה'לע
מיט ביידע קינדער,
און גיי מיר אויפֿן שליִאַך שפּאַצירן.

Un az di yontevdike teg
Heybn on tsu fargeyn
Hartsediker tate !
Vider shnaydn, vider nayen
Un vider leygn a late
Vider tsit zikh dos alte leben,
Tsu hostu nit vos tsu  farbaysn ?

און אַז די יום-טובֿדיקע טעג,
הייבן אָן צו פֿאַרגיין,
האַרצעדיקער טאַטע !
ווידער שנײַדן, ווידער נײַען
און ווידער לעגן אַ לאַטע,
ווידער ציט זיך דאָס אַלטע לעבן,
צו האָסטו ניט וואָס צו פֿאַרבײַסן ?